



בעזהשי"ת

# קינדערגארטן ווינקל

ארויסגעגעבן דורך
סאטמאר קינדערגארטן
וויליאמסבורג

שנה י"ח - גליון 846
זמנים: עש"ק 7:30 – מוצש"ק 8:56

פרשת כי תצא - פרקי אבות פרק א' - ב'
עש"ק ח' אלול שנת תשפ"ו לפ"ק

## "לאמיר ציילן" – צום ריכטיגן ציל – זומער פראגראם

### ב"ה מיר האלטן שוין ביי נומבער "9" – געלערנט די 9'טע רינגעלע פון די נומערן,

**דער זומער שפאנט ווייטער, ב"ה מיר האלטן שוין ביי נומבער "9".** דער "לאמיר ציילן" זומער פראגראם אין פולן שוואונג ב"ה. נאך א וואך נאך א נאמבער מיט א פולן באדייט. מיר האבן ווייטער ממשיך געווען מיט **"לאמיר ציילן"** -מיר זענען באקאנט געווארן מיט **די ניינטע רינגעלע פון די נומערן - נאמבער** "9", מיר זענען געווארן גוט באקאנט, אזוי אינטערסאנט, מיר הערן, קלערן, און טראכטן נאך און נאך. וואס די **נאמבער** "9" מיינט פאר אונז זייער אסאך.

**אנפאנג וואך** קומט דער מנהל אריין אין לאנטש רום און פארציילט אונז פון דעם נאמבער **9, מיר וועלן מאכן א גוטן פלאן, נאך א זומער וואך פארהאן,** קודם די זאכן פון דעם ביכל. **ב"ה מיר וויסן און קענען אסאך מער ווי מ'מיינט.**

**מיר זענען פריש באקאנט געווארן** מיט אזויפיל נייע זאכן אלעס ארום דעם נאמבער **"9"** מיר הערן נייע זאכן מיר טראכטן פון אלטע זאכן וואס האט שייכות מיטן **נאמבער 9.** צום ערשט וויסן מיר אלע פון **די 9 טעג** וואס מיר האבן הערשט יעצט נישט געמעגט עסן קיין פלייש, און נישט גיין שווימען, און פון **די 9'טע טאג** אין חודש אב וואס האט ליידער פאסירט מיט די 2 ביהמ"ק דעם גרויסן חרבן. אויך הערן מיר אז אונזער פיינע זומער חדר פון **"לאמיר ציילן"** גייט אן גאנצע 9 **וואכן.** די 9 **וואכן** וואס מיר גייען שווימען.

**דערנאך הערן מיר נאך זאכן** אז אין ביהמ"ק ביי די קרבנות וואס מ'האט א יעדן טאג מקריב געווען איז געווען די וויניגסטע כאטש 9 **כהנים** וואס האבן געהאלפן מיטן קרבן און אסאך מאל אפילו מער.

> ## זומער שליסונג מעלדונג
>
> ### די טויש אין סדר אויף קומענדיגע וואך
>
> **מיר ווילן מודיע זיין די חשוב'ע עלטערן אז זומער חדר וועט אי"ה זיין ביז קומענדיגן דאנערשטאג פ' כי תבא מיטאג, דער פארלענגערטער סקעדזשול וועט זיין נאר ביז דינסטאג פ' כי תבא.**
>
> **אי"ה מיטוואך פ' כי תבא וועלן די קינדער אהיים קומען 2:50 ערשטע סטאפ. אזוי ווי א זונטאג.**
>
> **דאנערשטאג וועלן די קינדער אהיים גיין אי"ה 1:00 אזייגער די ערשטע סטאפ. לשנה הבאה בירושלים..**
>
> **סדר פון אנהייבן חדר נאך זומער זעה באזונדערע מודעה דא אין ווינקל.**
>
> א כתיבה וחתימה טובה - מיט פיל דאנק — ההנהלה

## אלע נאמבער'ס פון 1–10 לויט ווי מיר האבן דאס געלערנט איז געווען עפעס אין בית המקדש

**איין טאג ביי פרישטאג** זאגט אונז די מנהל **אז אלע נאמבער'ס פון 1-10 לויט ווי מיר האבן דאס געלערנט איז געווען עפעס אין בית המקדש,** מיר הייבן אן מיטן ציילן אין די רייע.

**נאמבער 1,** - עס איז געווען נאר 1 - **כהן גדול,**

**נאמבער 2,** - זענען געווען **די 2 ציגעלעך** וואס מ'האט א יעדן טאג געברענגט אויפן מזבח, איינס צופרי און איינס נאכמיטאג,

**נאמבער 3 - די 3 טרעפ** ארויף צוגיין אנצינדן די מנורה,

**נאמבער 4 - די 4 קליידער** פון א כהן הדיוט,

**נאמבער 5 - די 5 הייליגע כלים** פון ביהמ"ק די הייליגע קאסטן, די מנורה, די טיש, די מזבח, די וואסער פאס,

**נאמבער 6 - די 6 הייליגע ברויט** אויף א יעדע זייט פון דעם טיש,

**נאמבער 7** – די 7 לעכטעלעך אין די הייליגע מנורה,

**נאמבער 8 - די 8 קליידער** פונעם כהן גדול,

**נאמבער 9 - די 9 כהנים** וואס העלפן א יעדן טאג ביי די קרבן,

**נאמבער 10** – די עשרת הדברות **די 10 זאכן** וואס שטייט אויף די הייליגע לוחות.

נאך ווערן מיר געוואויר אז דעם **נאמבער** 9 ווען מ'דריידט דאס איבער איז דאס א **נאמבער 6.** אזוי האבן מיר אלעס שיין זיך אויסגעלערנט די וואך.

**די קינדער אליינס ברענגען זייער חלק צום לימוד,** א יעדע וואך און א יעדע טאג קומען אויף מיט נאך און נאך זאכן וואס איז פארבינדען מיט די נאמבערס, מ'זעהט קינדער טראכטן און פארציילן, ספעציעל האבן די קינדער אויך הנאה צו ברענגען עפעס פון שטוב ווי מ'העלפט אים צו מיטן טראכטן פון זיין לימוד ביי די "לאמיר ציילן" זומער פראגראם. (זעה ביי לאמיר ציילן קינדער ווינקל)

מיר זענען ב"ה זייער גוט פארנומען און מיר לערנען זיך אזויפיל שיינע און נייע זאכן. **יא! ב"ה א וואך אריבער מיט אזויפיל געשמאק...**

## אנגעהויבן מיטן נאמבער 10!

### יא! מיר האבן שוין אויך אנגעהויבן די וואך צו לערנען די 10'טע רינגעלע פון די נומערן,

**קוים קוים** וואס מיר רעדן פון **נאמבער** 9 האלטן מיר שוין ב"ה ביים **נאמבער 10,** יא מיר וועלן טאקע לערנען קומענדיגע וואך אלעס ארום דעם **נאמבער 10, אבער נאך איידער מיר הייבן אן, איז די שמחה אריין מיט אן עקסטאז!! ווייל ביי דעם נאמבער 10 וועלן מיר לערנען פון די עשרת הדברות די 10 זאכן וואס שטייט אויף די לוחות** וואס דער אויבערשטער אליינס האט געזאגט ביים בארג סיני.

**א יעדעס קינד דארף און וועט אי"ה מצליח זיין צו שטייגן העכער בעז"ה**

**א גאנצע וואך הערן מיר שוין** פון דעם פריילעכן מעמד וואס איז פארגעקומען היינט דאנערשטאג דעם מעכטיגן **הכנסת ספר תורה.** דער מנהל האט אונז ערקלערט אז מיר אידישע קינדער זענען ממש די ספר תורה'לעך אליינס אלע קינדער, מיט די שיינע קרוינען, די הערליכע מענטעלעך, מען גרייט זיך אין די כיתות א גאנצע וואך זייער פרייליך.

**ווען דער טאג דאנערשטאג איז אנגעקומען** איז געווען א דערהויבענער יו"ט'דיגער שטימונג אין די גאנצע חדר די קינדער אנגעטון שבת'דיג די פנימ'ער שיינען, עס איז פרייליך מ'זינגט און מ'טאנצט זיך אונטער. ביי פרישטאג הערן מיר זיך גוט צו צו דעם סדר היום.

**תיכף נאך פרישטאג** זענען מיר ארויף מיט א פלייסיגקייט דאווענען און זיך גרייטן צום **"הכנסת ספר תורה"** מיין רבי זאגט 1 2 3 מ'גייט זיך אנטוהן די קרוינען מיט די מענטעלאך, **די מוזיק שפילט שוין אויפן גאס** ווען אלע כיתות מארשירן אראפ אויף פענן סט. די קינדער שטעלן זיך אויס אויפן גאס אלעס אין א שיינע שורה. מיר זעהן **א שיינע דעקארירטע חופה מיט א קרוין דערויף** פארט אונטערן אונזער ספעציעלן הכנסת ספר תורה טראק, אלע קינדער האבן א געלעגנהייט צו קומען מיט זייער רבי **אונטער די חופה טאנצן אביסל.** אלע קינדער האבן באקומען א שיינע קליינע פאן לכבוד די שמחה, דער מוזיק זינגט אמחי' אלעס הייבט אן טאנצן **עליונים ששו... נעשה ונשמע...** דער טראק פארט, **ספעציעל פאר די קלענערע קינדער** איז געווען א וואגאן ווי זיי זענען שיין געזיצן און געפארן דערין. די קינדער טאנצן אזוי לעבעדיג און פיין מ'פארט אזוי אויף ווייט עוו ביז ראטלידש סט. צום **ביהמ"ד "אור ישראל אלימלך"** דארט זענען אלע קינדער מיט די רביס אריין און ווייטער געטאנצן זייער לעבעדיג, עס איז געווען פיין פרייליך.

**נאכן טאנצן** זעצן זיך אלע קינדער שיין אראפ אויף די פארענטשעס **מיר באקומען א פיינע קאלטע פאקסי** זיך צו דערקוויקן דאס הארץ אמחי'.

**דער טאג איז נאכנישט פארטיג** מיר הערן אז יעצט גייט פארקומען א הערליכע סעודה **לכבוד די שמחה פון הכנסת ספר תורה.** אלע קינדער גייען שיין ארויף צום גרויסן זאל פון **"לאמיר ציילן"** ווי עס איז הערליך שיין דעקארירט מיט ספעציעלע טישטעכער א סעודה ווי עס פאסט לכבוד אזא טאג.

**די סעודה** א יעדע אינגל א בילקעלע, מיט טאמעטא דיפ, דערנאך פיינע טשאלענט און קוגל, מיט קאמפאט. צו טרינקען באקומען מיר פיינע סאדע מיט קולעי' וואסער עס איז געווען געוואלדיג. די מוזיק שפילט אונטער אזוי איינגענעם און געשמאק, די קינדער זיצן ארום גענומען מיט א פרייליכקייט א יעדער אנגעטון אזוי שיין.

**שפעטער** איז נאך געווען פיינע אייז קרים מיט א רויט און ווייס קוקי' אזוי פארענדיגן מיר אזא דערהויבענע טאג, דאס וועלן מיר גוט גוט לאנג געדענקען

**אלע קינדער זענען אהיים געגאנגען** אנגעטוהן הערליך שיין ווי קליינע ספר'תורה'לעך יא! **מיט א שטאלץ מיר ווילן זיין פון די תורה געטרייע אידן, זיך ערליך אויפפירן א גאנץ לעבן פאלגן אלעס וואס שטייט אין די הייליגע תורה און וואס מיינע עלטערן לערנען מיר פאלגן אלעס וואס מיין רבי הייסט ווי עס פאסט זיך פאר ערליכע אידישע קינדער.**

## מיר מאכן שיינע 9'ערס מיט די קליקס אין חדר



# התודה והברכה

## מעמד הכנסת ספר תורה

**סאטמאר קינדערגארטן - זומער חדר**

**יום ה' פרשת כי תצא תשפ"ו**

בס"ד

אין נאמען פון אלע קינדער און מלמדים ווילן מיר ארויס ברענגען א שטארקע **"הכרת הטוב"** פאר די געטרייע און איבערגעגעבענע מיט ארבייטער'ס מיט סיי ווען מיר דארפן עפעס קומט מען אנטקעגן מיט א גוט הארץ און גרייטקייט אויף יעדע זאך וואס עס זאל נאר נישט זיין, ווען עס זאל נאר נישט זיין, אלעס צו די הנאה פון די קינדער

ה"ה אונזער בילדינג מענעדשער **מו"ה יושע העכט ני"ו** וואס האט אונז צוגעשטעלט צו די **"הכנסת ספר תורה"** די חופה, די סעודה און אלעס ארום

און ספעציעל ווילן מיר זיך באדאנקען פאר אונזער געטרייער "ראש המדריכים" פון די עלטערע קינדער ה"ה **מו"ה יואל וועבערמאן ני"ו** וואס שטייט שטענדיג גרייט וואס מען דארף מיט אזא איבערגעגעבנהייט און נאך יעצט צום **"הכנסת ספר תורה"** האט ער אונז מסדר געווען א היימישן "הכנסת ספר תורה" טראק מיטן קליינעם וואגן פאר די קלענערע קינדער.. אויך פאר "באס מענדשער" **מו"ה משה יוסף פריעדמאן ני"ו** וואס איז געווען עומד על המשמר מסדר געווען דעם וועג אז אלעס זאל קלאפן עצהיו"ט



ואחרון חביב די **"חברים" עסקנים** וואס האבן אונז מסדר געווען עס זאל זיין שיין און רואיג אויפן גאס

השי"ת זאל אייך בענטשן בזכות התינוקות של בית רבן איר זאלט געבענטשט ווערן מיט אלע ברכות געזונט פרנסה נחת בני חיי מזוני רב תענוג ונחת דקדושה א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

## <u>וויכטיגע באמערקונג</u>

כדי עס זאל זיך נישט מאכן קיין טעות איבער סיי וואס פאר אינפארמאציע עלטערן ווילן איבער געבן פאר די חדר אפיס, בנוגע מופן צו א נייע אדרעס אדער א טויש מיט טעל. פעלט זיך אויס א מעלדונג פון די עלטערן <u>סיי אין די מעין אפיס</u> אויף **Rutledge St.** 76 אויף די נומ. 718-797-2888 און <u>סיי אין די חדר אפיס</u> אויפן נומ. 718-407-7460 # 2234 צו דאס איז איבער א טויש נאר אויפן זומער חדר, אדער א קארעקשן איבער א נאמען, טעל. אדרעסס, סיי איר האט געמופט און סיי מ'גייט מופן, וכדו'





די הערליכע גאלדענע קרוינען שטייען גרייט אין חדר פאר די הכנסת ספר תורה

## זייער וויכטיג וועש לעיבלס - טוהן א חסד און אליינס הנאה האבן דערפון

**במשך די זומער וואכן** ווען די קינדער גייען שווימען, און זיי טוהן זיך אויס די וועש, איז אפילו מען האט א לעיבל קען זיך אמאל מאכן אז א קינד פארטוישט זיך מיט א שכן איינע פון זיינע וועש, איז דאס בעסטע זיך אליינס ארויס העלפן איינער דעם אנדערן מיט א חסד.

**ווילן מיר טאקע בעטן** זייער חשוב'ע עלטערן ווען מ'זעהט אז א קינד האט אהיים געברענגט וועש סיי וואס צום ביישפיל א ציצית, אדער א העמד, זאקן, וואס האט א לעיבל מיט א נאמען פון א צווייטן קינד, ביטע טוט א חסד און רופט אן דעם טעל. נומ. און שיקט דאס צוריק צום מלמד מיט א צעטיל אז דאס דארף מען איבער געבן פאר יענעם תלמיד. אזוי וועלן זאכן שנעלער צוריק קומען און נישט ווערן פארלוירן .

**אויב האבן קינדער עפעס פארלוירן במשך די זומער וואכן ביטע שיקן די וואך א צעטיל צום מלמד ווי מיר וועלן אייך פורבירן צו העלפן אפיר זוכן. ווען דער זומער חדר וועט זיך שליסן וועלן אלע זאכן ווערן אוועק גענומען.**

## חזר'ן די א"ב איז זייער א וויכטיגע זאך...

**קינדערגארטן** – במשך דעם גאנצן יאר האט מען אסאך כוחות אריין געלייגט אז די קינדער זאלן זייער גוט לערנען די א"ב. די קינדער האבן מיט געלעבט ביים לערנען די א"ב אלעס מיט חשק און שמחה...

**מיר האבן אהיים געשיקט א שיינע חזרה ביכל** וואס האט א שיינע סדר איבער צו חזר'ן די א"ב אויף א לייכטן פארנעם א יעדן טאג אביסל און זיך פארצייכענען די טעג וואס מ'האט געזאגט די 2 בלעטלעך מיט די א"ב ווילן מיר דערמאנען טייערע עלטערן עס איז וויכטיג אראפ צו נעמען א 5 מינוט א טאג און איבער זאגן די 2 בלעטלעך מיט די א"ב פון דעם טאג.. שטארק וויכטיג אז די קינדער זאלן טייטלן ביים זאגן. דא אין די זומער חדר זאגט מען א יעדן טאג אביסל די א"ב כדי צו האלטן די קינדער מיט די פרישקייט פון לערנען און קענען די א"ב.

**מיר האבן** אויך צוגעשטעלט א א"ב חזרה ביכל אין חדר די זעלבע וואס די קינדער האבן באקומען פאר אינדערהיים אויפן זומער. ווי די מלמדים טוהן א יעדן טאג זיך צו מאכן צייט פאר 10 מינוט א טאג ווען די קינדער נעמען ארויס דעם זומער חזרה א"ב ביכל עס איז אויסגעשטעלט פאר א יעדן טאג אן אנדערע צעטיל מיר מאכן דאס אינטערסאנט איינער זאגט פאר א שורה אדער א טיש זאגט, און אנדערע קינדער ענטפערן... און מען צייכענט ביי די ריכטיגע באקס פונעם טאג, און אזוי טוט מען אויסלערנען די קינדער אז מ'צייכנט אריין א צייכן ביי די פלאץ ווי מ'דארף ווען מ'האט פארענדיגט דעם צעטיל... און אלעס כדי אז די קינדער זאלן דאס קענען און זיין גרייט צו גיין ווייטער מיט די עברי בשעה טובה ומוצלחת..

> **גראם פון די וואך**
>
> דער נאמבער 9 דאס וועט זיין מיין, אלעס מיט דעם הערליכן שיין.
>
> דער 9'נער ווערט א זעקס, און מיר האבן פיינע געבעקס.

## איבער דעם פרייטאג און זונטאג באס טויש

**חשוב'ע עלטערן,** מיר האבן אהיים געשיקט אנפאנג זומער א מעלדונג בנוגע דעם פרייטיג און זונטאג באס טויש, עס איז זייער וויכטיג צו וויסן דעם טויש זייער קלאר כדי צו וויסן ווען צו אפווארטן דעם באס פרייטאג און און זונטאג. די אלע קינדער וואס זענען צוריק געקומען די וואך האבן באקומען דעם צעטיל פון די פרייטאג און זונטאג באס רוט און וועלן קענען מיטהאלטן דעם סדר גוט.

**ווי באקאנט יעצט אין די זומער וואכן** פעלן אסאך קינדער פרייטאג און זונטאג און דעריבער האט מען צוזאם געשטעלט די באס רוט'ס. און ב"ה עס ארבייט מיט א סוקסעס די טראנספארטעישן מענעדזשמענט האט אריין געלייגט אסאך כוחות אז אלעס זאל קלאפן עצהיו"ט די טרעקינג סיסטעם און אלעס ארום און עס האט זיך זייער שטארק אנגעזעהן ב"ה.

**מיר ווילן בעטן** זייער חשובע עלטערן מ'קען מיט א קלייניקייט אסאך צוהעלפן. עס איז דא באסעס וואס דארפן ארום פארן מערערע גאסן צוליב איין סטאפ פאר איין אינגל, ספעציעל איז דאס מער ביי די נייע געגענטער. **איז אויב א משפחה ווייסט אז זיי וועלן נישט זיין דא דעם פרייטאג אדער זונטאג זאל מען ביטע זאגן פארן באס רבי דאנערשטאג** אזוי וועט דאס אסאך גרינגער מאכן נישט צו דארפן פארן אין די שווערע היצן עקסטערע גאסן עס איז ממש איין קלייניקייט אבער טוט אסאך אויף **מיט פיל דאנק.**

## גוטע אויפטוה האלט אפ אסאך פראבלעמען

**זייער געראטן ב"ה דעם טויש איבער די זומער באס פינ'ס.** במשך דעם יאר זענען די באסעס איינגעטיילט לויט קאלירן, און דאס לערנט מען פון די ערשטע זאכן פאר א קינד, ער זאל וויסן אויף וועלכן קאליר באס ער דארף צו גיין.

**דער זומער חדר גייט אנדערש** אזוי ווי אלעס האט א טויש, די כיתות, די מלמדים, די באסעס, מיט זייערע באס ראוט'ס אלעס באקומט א טויש, גייט דאס יעדעס יאר זייער שווער מיט די קינדער אים צו ערקלערן זיין זומער באס קאליר, דעריבער איז איינגעפירט א גוטע זאך ביי די באסעס אז יעדער קאליר האט מיט זיך א **בילד** ספעציעל אזאך וואס דאס קינד פארשטייט זייער גערן.

**אלע קינדער האבן באקומען א שיינע סטיקער אויף זייער באס פין מיטן נייעם בילד ווי אזוי זיין באס ווערט אנגערופן. און אזוי רופט מען דאס אין חדר.**

**מיר וועלן** דא אראפ ברענגען אלע באס קאלירן מיט זייערע נייע נעמען דערצו, כדי אז אויב מ'דארף אמאל טוישן א באס סטאפ פאר א קינד זאל מען וויסן צו ערוואַרטן א נייע בילד

| |
|---|
| ***ברוין - דריידל, * שווארץ - סידור, * בלוי - פייגל, *גרין - חלה, * רויט - פישעלע,** |
| *** פינק - בלומעלע, *געיל – טשיקעלע, * ווייס – מצה, * גאלד – שופר, *זילבער - בעכער** |

## חכמה'לעך

יעצט ווען מען לערנט נאמבער 9 פונעם לאמיר ציילן פראגראם האט **שכנא** האט געזאגט אז זיין באבע האט 9 קינדער קע"ה..

ווען **שמעון** האט אנגעטוהן זיין אלטע שיך וואס איז שוין קליין געווען פאר אים האט ער געזאגט אה עס פיט שוין עס איז מיטגעוואקסן מיט איהם אזוי ווי אין מדבר ...

**מאיר** האט נישט געוואלט אויף גיין אויף די בארא פארק באס ער האט געזאגט אז ער דארף גיין אויף די גרינע באס...

ווען מען האט געפרעגט **שלום** וואס דארף מען טוהן ווען מען בלאזט שופר? מען דארף תשובה טוהן און מען דארף זיך שוין אנטוהן שבת'דיג (די שבת פייף)...

### קלארשטעלונג

**צו טוישן א באס סטאפ קען מען נאר ווי פאלגענד: <u>זונטאג</u> = נישט זומער, <u>מאנטאג ביז דאנערשטאג</u>: ביז 2:00 אזייגער, <u>פרייטאג: קען מען נישט מאכן א באס טויש!</u> ביטע נישט זיך פארלאזן צו רופן אין די לעצטע מינוטן, ווי פריער איז בעסער.**

## די געוואלדיגע שמחה ווען די קינדער באקענען זיך מיט די נייע חבירים אין חדר,













## די טשיקעלעך קומען צו אונז אין חדר און פארברענגען מיט אונז זייער שיין








די געוואלדיגע שמחה ווען די קינדער באקענען זיך מיט די נייע חבירים אין חדר,








די טשיקעלעך קומען צו אונז אין חדר און פארברענגען מיט אונז זייער שיין












## איינער קוקט, איינער שפילט, און א יעדער איז ב"ה פרייליך















מיד שרייבן אליינס די א"ב





די קינדער'לעך זענען די ספרי תורה. אנגעטון מיט א מענטעלע און א קרוין לכבודה של תורה,





מ'גרייט זיך שוין צום הכנסת ספר תורה









די קינדער האבן גוט אריין גע'ארבייט מיט די קליקס און שיין אויפגעשטעלט שיינע זאכן, די א"ב און נאך









# עמערדזשענסי מעלדונג און ווארענונג!

**לכבוד אלע חשובע עלטערן שיחי'**

אין א גוטע שעה גרייטן מיר זיך אין די קומענדיגע וואכן אנצוהייבן בסייעתא דשמיא דעם נייעם לערן-יאר, אויף וועלכן מיר קוקן ארויס אויף די ווייטערדיגע הצלחה פון יעדן תלמיד און תלמידה שיחיו. דערמיט קומען מיר צו אייך מיט די פאלגענדע ווערטער איבער אן עמערדזשענסי אנגעלעגנהייט וואס איז נוגע צום עצם עקזיסטענץ פון אונזערע מוסדות.

מיר זענען געצווינגען צו שרייבן קלאר און אומצווידייטיג, און מיר פארלאנגען אז דאס זאל ווערן אויפגענומען מיט די פולסטע קאאפעראציע.

**אין די לעצטע חדשים זענען מיר געווארן אטאקירט דורך די "סטעיט העלט דעפארטמענט", אז א גרויסע צאל קינדער זענען נישט Up-To-Date מיט אלע פארלאנגטע Immunizations.**

**די העלט דעפארטמענט איז געווען אויסן צו פארשליסן די גאנצע אפאראט פון די מוסדות, וויליאנג מיר צייגן נישט איבער אז ממש אלע קינדער, פון גרויס ביז קליין, זענען מסודר מיט די Immunizations.**

**נאך לענגערע זיצונגען מיט בקשות ותחנונים, פארהאנדלונגען און הבטחות אז מיר וועלן דאס יעצט איינמאל מסדר זיין בשלימות, זענען מיר זיך "אדורכגעקומען" אז די מוסדות קענען זיין אפען "צייטווייליג", בתנאי כפול, מיטן שטרענגסטן באדינג, אז ביי די קומענדיגע רעגיסטראציע וועלן מיר צושטעלן די Immunizations פון אלע תלמידים ותלמידות.**

## ביי די לעצטע זיצונג די וואך האבן מיר ערהאלטן די ענדגילטיגע ווארענונג:

**אז אפילו איין איינציג קינד וואס קומט אריין צווישן די ווענט פון מוסד איז נישט אפ-טו-דעיט מיט אלע פארלאנגטע Immunizations, ווערט דער מוסד פארשלאסן אן קיין שום ווייטערדיגע ווארענונג!**

**אין קלארע ווערטער: מאמענטאל איז דער מוסד אפען "אויף געבארגטע צייט", מיט די פארזיכערונג אז יעדע תלמיד און תלמידה איז פולקאם אימיוניזירט איידער מען קומט צוריק אין חדר/שולע.**

מיר זענען אויך געווארן קלאר אנגעזאגט, אז קיין שום אויסנאם קענען נישט ווערן געמאכט, אפילו אויב מען האט אין באזיץ א צעטיל פון א דאקטער אז דאס קינד קען - מחמת איזה סיבה שהיא - נישט נעמען קיין Immunizations, צוליב א פארקילונג אד"ג, קען דאס נישט ווערן אקצעפטירט!

**דעריבער קומען מיר ארויס צום גאנצן ציבור, אלע עלטערן שיחיו, מיט קלארע ווערטער:**

**מיר קענען נישט רעגיסטרירן קיין שום תלמיד / תלמידה וואס איז נישט Up-To-Date מיט אלע פארלאנגטע Immunizations.**

**יהי' מי שיהי'! אן קיין שום אויסנאם אדער פשרה!**

יעדע טאטע און מאמע דארף פארשטיין, מיר זענען מיט געבינדענע הענט, מיר קענען נישט ערלויבן דעם עתיד פונעם גאנצן מוסד זאל זיין אין א סכנה צוליב געציילטע יחידים, למען עתיד מוסדותינו מוזן מיר שטיין דעריף מיטן גאנצן תוקף, אז מען וועט נישט ווערן רעגיסטרירט אדער ערלויבט אריינצוקומען אין שוועל פון חדר/שולע, אויב מען איז נישט פולקאם אימיוניזירט.

**מיר בעטן אייך!** { **זייט מסדר אלע Immunizations פון די קינדער תיכף ומיד, כדי צו פארמיידן איבעריגע עגמת נפש.**

מיט רעספעקט און פארשטענדעניש

הנהלת המוסדות

---

## ברוכים הבאים

וויכטיגע אינפארמאציע

פון חדר אויף נאך זומער,

ווען אונזערע תלמידים

וועלן בעזהשי"ת צוריק קומען בשעטומ"צ

צו זייערע מלמדים און חברים.

- קינדער וואס קומען צוריק אביסל פריער פון די קאנטרי'ס וועלן קענען קומען צום זומער חדר נאר ביז מאנטאג פ' תבוא, **פון דינסטאג און ווייטער קענען מיר נישט אננעמען קיין שום קינד צום זומער חדר.**

- **חדר וועט זיך אנהייבן אי"ה מאנטאג פ' נצבים וילך 2 שעה שפעטער ווי געווענדליך 11:25 די ערשטע סטאפ.** (פרישטאג עסט מען אינדערהיים) אלע קינדער גייען צוריק צו זייערע כיתות ביי די זעלבע מלמדים אזוי ווי פארן זומער א יעדעס קינד דארף האבן אויף זיך א באס פין פון פארן זומער א זומער פין איז אויך גוט. אדער ארויף געלייגט אויף אים זיין אינפארמאציע, נאמען, אדרעס, און נאמען פון מלמד.

**מיט כבוד און פארגעניגען טוהן מיר באגריסן אלע נייע קינדער וואס רעגיסטרירן זיך יעצט אריין צו קומען ביי אונז אין די "נוירסערי – קינדערגארטן" אפטיילונג. ביטע ליינט מיט אויפמערקזאמקייט וואס איר דארפט וויסן פאר איר ברענגט דעם קינד אין חדר.**

- א יעדעס קינד דארף זיין אלט לכל הפחות 2 יאר מיט 8 חדשים, און זיין אפ טו דעיט מיט די שאט'ס.

- א נייע קינד קען קומען נאר מיט אן אפוינטמענט פון פאראויס דורכן רופן צום מנהל אויף ‎718-407-7460#2217

- אלע קינדער וואס הייבן אן צו גיין אין חדר דארפן האבן א רעגיסטרעישאן קארד, פון מעין אפיס פארן קומען אין חדר. אן דעם קענען מיר נישט אנעמען קיין שום קינד.

- קינדער וואס זענען שוין געווען דעם זומער אין א חדר אין סיי וועלכע קאנטרי, באקומען אן אפוינטמענט צו קומען דינסטאג נצבים וילך פון 12:00 ביז 1:00 און מיטוואך פון 11:30 ביז 12:30

- נייע קינדער וואס זענען נאך קיינמאל נישט געווען אין קיין חדר און הייבן אן יעצט דאס ערשטע מאל וועלן באקומען די אפוינטמענט צו קענען קומען אי"ה ביי די ערשטע געלעגנהייט.

**פון דינסטאג ב' דסליחות די וואך פון ראש השנה**
**וועלן נייע קינדער נישט קענען אריין קומען צום**

9



# לאמיר ציילן
# קינדער ווינקל

במשך פון די וואך ווען מיר רעדן כסדר פון די "**לאמיר ציילן**" **זומער פראגראם** געבן די קינדער אליינס צו נאך שיינע **קינדער בליצן און געדאנקען** זאכן לויט זייער פארשטאנד, אזעלכע זאכן וואס שטייט נישט אין די ביכל אדער אויפן צעטיל פון "**ציילן און פארציילן**". די קינדער פראבירן זאגן פארשידענע זאכן, און עס גלייבט זיך אליינס נישט ווי גוט און פיין זיי טראכטן און לעבן מיט דערמיט מיט א פארשטאנד.

מיר ווילן מיטטיילן די עלטערן פון א חלק זאכן וואס איז שיינע ענינים וואס די קינדער האבן אריין געשריגן אדער אין לאנטש רום אדער אין זייער כיתה ווען די רבי איז דאס איבערגעגאנגען.

**רבי בירנבוים'ס און רבי קאהן'ס חדר**

אז אונזער חדר האט 9 פענסטער'ס.

**רבי קארפען'ס חדר** זאגט אז אויף די מנורה אין בית המקדש איז געווען 9 בלומעלעך.

אויך זאגן זיי אז 9 מענטשן זענען געבליבן לעבן אין די תיבה נח מיט די 3 קינדער און זייערע ווייבער מיט עוג..

**רבי מאלה און רבי פראמאוויטש'ס חדר**

אהרן קטינא זאגט ער ווייסט אז 9 אזייגער דארף מען זיך מאכן גרייט צו גיין אין חדר.

יוסי שווארטץ זאגט זיין טאטע דארף ערגעץ גיין 9 אזייגער.

9:00 אזייגער קען מען שוין דאווענען יעצט מעריב ס'איז שוין נאכט.

אלעזר רוקח זאגט אז ער גייט שלאפן 9 אזייגער. אבער יוסי שווארטץ זאגט אז זיין שוועסטער גייט 9 אזייגער שלאפן..

אויך אז חנוכה צינד מען 9 לעכט - 8 לעכט מיט די שמש.

**רבי ליכטענשטיין'ס חדר**

אלימלך ראזענפעלד זאגט אז זיין מאמע צינדט 9 לעכט לכבוד שבת און אויך איז זיין שוועסטער 9 יאר.

**רבי כ"ץ'ס חדר** זאגן, אז אות ח' איז די 9'טע אלף בית. (ווען מען רעכנט בּ און ב).

**אויך זאגט אברהמי** אז אין זיין באבעס הויז איז דא 9 טירן.

**רבי רובינשטיין'ס חדר** זאגט אז ס'איז דא 9 טעג ביז תשעה באב

אויך זאגט ער אז די יום טוב סוכות ביז נאך שמחת תורה איז 9 טעג.

**רבי לאנדא'ס חדר** זאגן אז מיר טאנצן מיט 9 קינדער אין א רינג זייער שיין.

[די נורסערי קינדער זענען נישט אין דעם פראגראם]

**אזוי וועלן מיר ממשיך זיין א יעדע וואך און ארויס שרייבן דא אין קינדער ווינקל די זאכן וואס קינדער וועלן זאגן אדער ברענגען אויף א מצווה צעטיל א זאך וואס דאס קינד האט געזאגט אינדערהיים.**



# יארצייט מעשיות פארציילט פאר די קינדער

**אזוי ווי די וואך** מיטוואך איז געווען די יארצייט פונעם הייליגן צדיק הרה"ק **רבי יקותיאל יהודה טייטלבוים ב"ר אלעזר ניסן זצוק"ל דער הייליגער ייטב לב זיע"א ועכי"א** האבן מיר אויסגענוצט די געלעגנהייט און פארציילט אין לאנטש רום פאר די קינדער **עטליכע שיינע מעשיות פון דעם בעל הילולא**,

**מיר הערן ווי דער הייליגער ייטב לב זצ"ל** ווי מ'רופט אים. האט אמאל געזאגט פאר די בחורים פון זיין ישיבה אז ער געט אכט אויף זיי אז דער יצר הרע זאל נישט קומען צו זיי בייטאג און ביינאכט....

**ערשטע מעשה** ווי עס האט אמאל אויסגעבראכן א ווייראוס ("מגיפה") פון באבא'ס און אסאך מענטשן זענען קראנק געווארן און געשטארבן און דעמאלטס האט **דער הייליגער ייטב לב געזאגט אינמיטן א דרשה** אז ווער עס שפירט עפעס נישט גוט **זאל קוקן אויף זיין פנים** וועט שוין אלעס גוט זיין.... תיכף ווען אלע מענטשן פון די שטאט האבן דאס געהערט האבן אלע מענטשן אויך גוים געוואלט קומען זעהן דעם הייליגן צדיק. עס איז געקומען אסאך מענטשן האט דער הייליגער ייטב לב געפרעגט פארוואס קומען דא אלע מענטשן? האט מען אים געזאגט **אז אלע ווילן זעהן זיין פנים און בלייבן געזונט**. אזוי ווי ער האט געזאגט ביי די דרשה...

**האט זיך די רבי** דער הייליגער ייטב לב זי"ע אנגערופן, **"נאר בלייבט נאר, און מקח בלייבט מקח..."**

**צווייטע מעשה** אז איינמאל ווען ס'איז געווען א מגיפה אין די שטאט (פאר די קינדער.. דער יצר הרע האט געטוהן שלעכטע זאכן אז מענטשן זענען געשטארבן) האט דער הייליגער צדיק גענומען זיין שטעקן און געגאנגען ארום די שטאט מיט זיין שטעקן ארויף, און געשריגן: **ארויס פון די שטאט ארויס פון די שטאט.... און אלע אידן האבן געהאט א ישועה.**

**דריטע מעשה** פונעם **הייליגן ייטב לב זיע"א ועכי"א די מעשה איז געווען,** ווי די גוים פלעגן קויפן אייביג ביי די אידן געטראנקען וויין-ביר-בראנפן און זיי פלעגן זיך אנ'שיכור'ן ווי א גוי האט ליב שטענדיג.

**דער גלח** וואס האט נישט ליב געהאט די אידן האט נישט געקענט צו קוקן ווי די אידן ווערן רייך און פארדינען פון די גוים, האט אמאל דער גלח ארויסגעגעבן א גזירה אז קיין איין גוי טאר מער נישט טרינקען קיין וויין-ביר-בראנפן, די אידן האבן טאקע געזעהן אז קיינער קומט נישט קויפן און עס איז נישט דא מער קיין געלט, די גוים קומען נישט קויפן, זענען די אידן געגאנגען דארט אין די שטאט סיגוט, צום הייליגן ייטב לב זי"ע און געבעטן ער זאל דאווענען און בעטן פאר זייער צרה, דער רבי זאגט ער וועט בעטן צום אויבערשטן און דער הייליגער ייטב לב זי"ע האט אנגעוואונטשן אז עסו וועט זיין אלע גוטע זאכן פאר די אידן.

**פלוצלונג** האבן אנגעהויבן די גוים צו זיין קראנק און שטארבן די שפיטעלער זענען געווארן אנגעפילט אלע בעטן זענען פיל מיט גוים וואס זענען קראנק, דער קעניג האט געהערט וואס גייט פאר איז ער אנגעקומען און געפרעגט וואס איז דא געשעהן אזוי פול גוים זענען קראנק אין די שפיטעלער וואס גייט דא פאר? די גוים האבן איהם געזאגט אז דער הייליגער רבי האט עפעס געטון דאס זאל געשעהן.

**קומט דער קעניג** צו גיין צום הייליגן ייטב לב זי"ע און פרעגט איהם וואס איז געשעהן דא אין שטאט אז אזוי פול גוים ליגן קראנק אין די שפיטעלער? פארציילט איהם דער הייליגער ייטב לב אז די גוים פלעגן אייביג טרינקען וויין-בראנפן-ביר און יעצט לאזט נישט דער גלח גארנישט טרינקען און וועגן דעם זענען די גוים געווארן קראנק, דער קעניג הייסט אלע גוים זאלן שוין גיין קויפן צו טרינקען וויין-בראנפן-ביר, און דעם גלח האט ער גוט אנגעשריגן און געלייגט אין דזשעיל ווייל ער האט קראנק געמאכט אזוי פיל גוים און ווייל ער האט געטשעפעט די אידן. אזוי האבן אלע גוים צוריק אנגעהויבן צו קויפן ביי די אידן וויין-בראנפן-ביר נאך אסאך מער פון פריער **און די אידן האבן צוריק באקומען אסאך געלט און געווארן רייך**, זי"ע ועכי"א. מיר האבן געדאווענט אז בזכות דעם הייליגן צדיק זאלן אלע אידן זיין געזונט און שטארק. און משיח זאל שוין קומען.

## התודה והברכה

בס"ד

מיר האבן נישט גענוג ווערטער זיך צו באדאנקען און ארויס ברענגען א שטארקע **"הכרת הטוב"** ספעציעל פארן געטרייער איבערגעגעבענער מענעדזשער **ה"ה מו"ה יושע הערכט הי"ו** וואס האט אריין געלייגט אזויפיל כוחות אין מיה אז א גאנץ זומער זאל אלעס קלאפן 100 פארצענט. **סיי א גאנץ זומער ספעציעל די וואך מיט די הכנסת ספר תורה, אקטיוויטיטעטן**, אלעס אזוי אהער שטעלן פאר יעדע כיתה פאר יעדן קינד פערזענליך **אשריך ר' יושע ני"ו** אז איר קענט מחי' זיין אזויפיל אידישע קינדער שלא טעמו טעם חטא. דאס וועט אייך אי"ה גוט באגלייטן אז איר זאלט שטענדיג זעהן נחת מיט גליק פון אייערע קינדער, זיי גרינגערהייט קענען מחנך זיין לתורה ולחופה ולמעש"ט. נאך אזא זומער, סיי ווען מ'דארף עפעס לטובת די קינדער, איז ר' יושע ני"ו אייביג גרייט מיט א געטריישאפט. בלייבט נאר איבער צו וואונטשן **השי"ת זאל אייך באגליקן מיט שטענדיגע נחת געזונטערהייט פרנסה נחת בני חיי מזוני רב תענוג ונחת דקדושה פון אלע אייערע קינדער מיט אלעם גוטן בזכות תינוקת של בית רבן. א כתיבה וחתימה טובה מיר זאלן אלע פארשריבן ווערן בספרן של צדיקים לחיים טובים ולשלום. אמן**

## התודה והברכה

בס"ד

מיר ווילן זיך זייער שטארק באדאנקען און ארויס ברענגען א שטארקע **"הכרת הטוב"** ספעציעל פאר אונזער געטרייע און איבערגעגעבענער קעכער **ה"ה מו"ה הערשל קלעפנער הי"ו** וואס שוינט נישט קיין צייט און כח אהער צו שטעלן פאר די צאן קדשים יעדן טאג באזונדער אזעלכע פיינע נארהאפטיגע מאלצייטן א גאנץ יאר, אבער ווער רעדט נאך ווען עס קומט זומער, נאך אסאך מער, די פיינע געבעקסן וואס מ'גיבט פאר די קינדער יעדן טאג פארן אהיים גיין, די קינדער ווארטן שוין אויף די פיינע געשמאקע עסן. **און ספעציעל די וואך צום סעודת הכנסת ספר תורה האט ר' הערשל ני"ו צוגעשטעלט עפעס געוואלדיג, יא! מען רופט איין טעל. צום ריכטיגן פלאץ באקומט מען פון ר' הערשל ני"ו אז די קינדער זאלן זיך מחי' זיין, אשריך ר' הערשל ני"ו** איר האט ליב מחי' צו זיין די קינדער. בלייבט נאר איבער צו וואונטשן **השי"ת זאל אייך באגליקן מיט שטענדיגע נחת געזונטערהייט פרנסה נחת בני חיי מזוני רב תענוג ונחת דקדושה פון אלע אייערע קינדער מיט אלעם גוטן בזכות התינוקת של בית רבן. א כתיבה וחתימה טובה מיר זאלן אלע פארשריבן ווערן בספרן של צדיקים לחיים טובים ולשלום. אמן**

# אפוועגן די האר

ווי עס איז באקאנט דער גרויסע ענין אפצוועגן די האר פון א חאלאקע אינגל און מען גיבט די געלט פאר צדקה. (כמובא בספר מטעמים ערך שערות, וכבר נזכר בשו"ת הרדב"ז ח"ב סי' תר"ח, ועוד) פאר סיי וואס פאר א פראגע איבער די הייליגע סגולה פון אפוועגן די האר פון א חאלאקע אינגל אדער צו באשטעלן די אפוינטמענט

**ביטע רופט : הרב משה קאהן שליט"א 929.287.2354**

**ובזכות הצדקה וועט דער הייליגער באשעפער זיכער העלפן איר זאלט זוכה זיין צו זעהן רב תענוג ונחת דקדושה פון דעם קינד און אלע אייערע קינדער בבריות גופא ומזוני רויחי בשפע רב ובהרחבה גדולה ביז מיר וועלן אלע זוכה זיין בקרוב זיך צו פרייען אינאיינעם בבנין בית הבחירה בביגוא"צ בב"א.**

## אויפמערקזאמקייט - להסיר מכשול

עס איז אן איינגעפירטע זאך אין חדר אז יעדעס מאל ווען די קינדער עסן פליישיג'ס פאר מיטאג שיקט מען א מעלדונג פאר די עלטערן סיי א טאג בעפאר און סיי אין דעם טאג וואס די קינדער האבן געגעסן פליישיג, כדי די עלטערן זאלן וויסן און קענען זיין אפגעהיטן מיט די הלכה. עס מאכט זיך אבער אז קינדער לאזן איבער די צעטליך אדער אין חדר אדער אויפן באס.

**מיר לייגן דאס געווענדליך אויך ביי די טעלעפאן נייעס פון יענעם טאג.**

**עס איז כדאי צו וויסן, אז די קינדער האבן פליישיג'ס א יעדן דריטן דינסטאג.**

## התורה חסה על ממונן של ישראל

# השבת אבידה

עס זענען פארבליבן וועש פון קינדער אן קיין נעמען אין די כיתות. שווימען וועש, אינטער וועש, א.א.וו.

די מלמדים ווייסן נישט וועמען צו רופן דעריבער אויב האט אייער קינד פארלוירן במשך פונעם זומער סיי וואס פאר א וועש ביטע פארבינדט אייך מיטן מלמד דאס צו קענען צוריק געבן אדער קומט אראפ צום זומער כיתה פון אייער קינד דאס דערקענען און אהיים נעמען.

דעם דאנערשטאג וועט מען ארויס לייגן אלע פארבליבענע וועש אויף א טיש לעבן די טיר ווי מ'קומט אריין צו די צווייטע שטאק ביי די קינדערגארטן אפטיילונג.

קומענדיגע וואך דינסטאג וועלן אלע וועש אריין געלייגט ווערן אין דעם קינדערגארטן אפיס רום 233 פארן באנוץ פון א גאנץ יאר אין פאל פון נויט

## ווער ליידט דאס מערסטע

**א זומער באס פין** איז געמאכט געווארן צו קענען וויסן די אינפארמאציע פון א קינד אין יעדן פאל. נישט נאר ביים גיין צום באס, נאר אויך אין חדר ווען א קינד מישט זיך אמאל אויף מיט זיין געוואוינהייט און שפאצירט אריין צו זיין קלאס פון א גאנץ יאר, ווי אזוי ווייסט מען וואו אהין מען זאל צו פירן דעם קינד, צום ריכטיגן חדר צו זיין רבי? **נאר מיט די באס פין.** סיי וועלכער מלמד גיבט א קוק אויפן פין און קען העלפן דעם קינד זייער שנעל. **אבער ווען א קינד האט נישט קיין באס פין קען מען איהם נישט העלפן, נישט צו גיין צו זיין קלאס, נישט צו גיין צו זיין באס חדר, און נישט צו זיין באס,** וואס פאסירט דעמאלטס? דאס איז איבעריג צו שרייבן!!

**נאכמער זונטאג און פרייטאג** ווען עס ווערן אמאל צוזאם געשטעלט קלאסן, מיט באסעס, דאס קינד האט אן אנדערן רבי'ן. אז ער האט א באס פין איז אלעס מסודר, און אז נישט? ליידט ער אליינס

**דער זומער חדר פין אליינס** איז נישט גענוג אויף צו וויסן אויף וועלכער באס דאס קינד דארף גיין..

**מאמי! פליז טוה אן מיין באס פין אויף מיר, יעדן איינציגן טאג!!**

**מאכט זיכער נישט אנטון די באס פין פון א גאנץ יאר, אפילו ס'איז די זעלבע קאליר, איז דא נאך אינפארמאציע דערויף וואס איז נישט די זעלבע.**

## ונשמרתם מאוד לנפשותיכם

ביטע נישט שיקן אין חדר קיין שום זאך וועלכע ענטהאלט "מילכיג'ס" אדער "ניס" עס איז א סכנה ביטע נישט נעמען דאס פאר לייכט!

## וויכטיג און מענטשליך

יעצט אין די זומער וואכן ווען עס מאכט זיך זייער אפט אז קינדער פארן אוועק און פעלן פאר א וואך אדער מער. איז זייער ראטזאהם צו מעלדן, סיי פארן באס רבי און סיי פארן מלמד אין חדר, אז מ'וועט נישט זיין דא ביז דעם און יענעם טאג.

## וויכטיג וויכטיג

**עס איז זייער וויכטיג יעדן טאג אן אויסנאם אז די קינדער זאלן קומען מיט די זומער באס פינ'ס.**

**נעמט דאס נישט פאר לייכט די קינדער ליידן דערפון דאס מערסטע.**

## נייעס ליין שער הנגינה

גענוענדליך ווערט די שער הנגינה גע'אפדעיטעד דאנערשטאג ווי די קינדער זינגען די ניגונים וואס ווערט געלערנט מיט זיי.

718 407-7460 1/5/6

**הערט און האט'ס הנאה**

## וואס איז היינט געווען אין חדר?

**מיטצוהאלטן** א יעדן טאג וואס הערט זיך אין קינדערגארטן זומער חדר, קענט איר אריין רופן צו דעם נייעס ליין אויף

**718-407-7460 – 1-5**

אזוי אויך וועלן ווערן ארויפגעלייגט די זומער ניגונים פון חדר **ביים שער הנגינה אפטיילונג**

## ברוכים הבאים

מיר ווילן באגריסן די נייע קינדער וואס האבן די וואך אנגעהויבן חדר בשעטומ"צ

**יואל ב"ר שאול חיים מאלה**

## אויפמערקזאם פארלאנגט - צו די עלטערן
## די קינדער וואקסן ב"ה, די וועש נישט.

ספעציעל יעצט ענדע פון זומער סעזאן דארף מען אכט געבן. און זיין אויפמערקזאם איבער די וועש פון די קינדער. **חשובע עלטערן שיחיו** - מען כאפט זיך נישט אלעמאל אז די קינדער וואקסן אויס די העמדעלעך און די הויזעלעך אפילו עס איז שוין סוף סעזאן און אויף ווינטער וועט מען שוין האבן נייע וועש, דארף מען אבער זיין מער פארזיכטיג נישט צו אנטון אזעלכע וועש וואס איז פארקערט פון איידל און ערליך. עס פאסירט זייער אסאך מאל ווען קינדער שפילן זיך ארום און בייגן זיך איבער, טוט זיך אויפדעקן טיילן פון קערפער וואס דארפן זיין באדעקט און קליינע קינדער כאפן זיך ארויף דערויף און קלערן דאס אלס א שפיל, אבער איידלערהייט דארף מען וויסן אז דאס ברענגט נישט קיין גוטס, צו צניעות דארף מען צוגעוואוינען קינדער פון גאר יונג, **מען דארף זיכער מאכן אז די קינדער גייען אנגעטוהן מיט קליידונג וואס איז גוט לויט זייער געוואוקס**.

## מזל טוב ווינקל

ברכת מזל טוב פאר הילד
**יושע** ב"ר משה אליעזר **שטיינמעץ** ני"ו
לכבוד זיין פעטער'ס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב שלום יונה כ"ץ שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**קלמן אליעזר** ב"ר משה יואל **עקשטיין** ני"ו
לכבוד די געבורט פון זיין ברודער
און לכבוד זיין מומע'ס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יצחק קארפען שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**פנחס** ב"ר קלמן אליעזר **רובינשטיין** ני"ו
לכבוד די געבורט פון זיין ברודער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב מרדכי בירנבוים שליט"א
הרב דוד קאהן שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**שרגא** ב"ר אלימלך דוד **בלום** ני"ו
לכבוד די געבורט פון זיין שוועסטער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יושע וואלף לייזער שליט"א
הרב זלמן לייב דערבארימדיגער שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**שלמה** ב"ר בעריש ב"ר יצחק אייזיק **גאלדשטיין** ני"ו
לכבוד די געבורט פון זיין שוועסטער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יושע וואלף לייזער שליט"א
הרב זלמן לייב דערבארימדיגער שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**משה** ב"ר אליעזר **געלב** ני"ו
לכבוד די געבורט פון זיין שוועסטער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ירמי' סג"ל לעווי שליט"א
הרב אהרן זילבערשטיין שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**קלמן** ב"ר שמואל הערש **גרין** ני"ו
לכבוד די געבורט פון זיין שוועסטער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב שמעון הלוי שטיינבערגער שליט"א
הרב שלמה וועבערמאן שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**יעקב** ב"ר יצחק אייזיק **הירש** ני"ו
לכבוד די געבורט פון זיין ברודער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל ארי' מאלה שליט"א
הרב יעקב יוסף פראמאוויטש שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**מרדכי** ב"ר אברהם אביגדור **שמאיע** ני"ו
לכבוד די געבורט פון א פלומעניק
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב דוד יואל הערשקאוויטש שליט"א
הרב יצחק אייזיק יאקאבאוויטש שליט"א




## הערליך שיין - פראקטיש - ביליג

שמחות ביי אידן ב"ה. עס איז אונז געלונגען אהער צו שטעלן שיינע "**מזל טוב" פעקלעך** פאר גאר ביליג. דאס טוט באשיינען די אידישע שמחות ב"ה, פילע עלטערן בעלי שמחות זענען שטארק דאנקבאר ווי שיין און ביליג די פעקלעך זענען געווען, מיט די העכסט צופרידענהייט.
באזונדערע שיינע דיזיינס לויט די שמחה,
**קריי"ש ליינען – וואכנאכט**, א הערליכע פרינט בעג. **אפשערן** און חדר פירן א הערליכע פרינט בעג,
אזוי אויך ביי סיי וואס פאר א שמחה אז איר ווילט פעקלעך ווי למשל **הכנסת ספר תורה**, אדער **חברת תהלים**,
סיי ווען איר דארפט א "**שיינע מזל טוב פעקעלע**" זענען מיר גרייט אייך דאס צו צושטעלן בעזהשי"ת.

**פאר באשטעלונגען רופט דעם חדר נומ. 2217 # 718-407-7460**




**צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד – צו באשטעלן פעקלעך רופט אין אפיס: 718-407-7460 Ext 1 – 6**